בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם

ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

**מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל**

מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים

**~ אידיש ~**

קונטרס נ"ב, פרשת שמות תש"פ

# תוכן השיעור

"אן אמת'ער לב נשבר"
'רחל מבכה על בניה'
'וזה בחינת העלמה'
'היופי והחן והפאר של העולם'
'והעיקר להסתכל על עצמו'
'אשר לא ישא פנים ולא יקח שוחד'
'עון עקבי יסובני'
'בראשית - לעיני כל ישראל'
'כי יש כמה מיני חן'
"העלמה, העלמה, העלמה..."
וואס האבן מיר צו שמועסן פון אנדערע לייט...
'כשיש דין למטה - אין דין למעלה'
צריך לעיין בתיקון העולם...
'אל תהי מפליג לכל דבר'
'ותורת חסד על לשונה'

להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 52**

©
כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**
יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15 עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (+1)**

# פרשת מטות מסעי, תשל"ד

(טייפ מס' 44#)

## "אן אמת'ער לב נשבר"

(שואלים על השיחה הנדפסת באבניה ברזל: "אמר מוהרנ"ת שאנשים כשרים היו אומרים שבין המצרים יש להם ירידה")[א]

**דער 'דיבור' קען זיין, נאר ס'איז אָן הענט און אָן פיס** (לא נתפרש כראוי), **זיי האבן געהאט א ירידה בין המצרים?! בין המצרים איז מען געוואקסן אין אידישקייט!!**[ב]

(השואל: 'איר' האט געהערט דעם דיבור?) **מיט דעם 'לשון' האב איך געווים נישט געהערט, אז "ערליכע אידן האבן א 'ירידה' בין המצרים" - האב איך געווים נישט געהערט! ערליכע אידן זענען געוואקסן בין המצרים, מיט א מין צובראכנקייט, מיט א מין...**

(ר' נחמן בורשטיין: אסאך רעדן זיך איין - אז ער האט א 'ירידה' איז ער דאך אן ערליכער איד), **יא יא...**

(רנ"ב: אבער דער דיבור וואלגערט זיך ארום היינט ביי אונזערע לייט) **קען זיין אפשר פשט איז: 'אנשים כשרים' האבן טאקע געזאגט** (שיש להם ירידה), **אבער 'רבי נתן' איז נישט מסכים דערצו!**

---

[א] אבני"ה ברזל - שו"ס ממוהרנ"ת ז"ל, אות מ"ב.

[ב] עי' ליקוטי הלכות הל' ברכות הראייה וברה"פ ה' אות א' - ג': **וּכְלַל עִקַּר הַקִּינוֹת בְּתִשְׁעָה בְּאָב וּבֵין הַמְּצָרִים הֵם בִּשְׁבִיל תִּקּוּן כְּדֵי לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, כְּמוֹ שֶׁמְּסַיְּמִין בְּסוֹף אֵיכוֹת שֶׁהוּא כָּלוּל מִכָּל הַקִּינוֹת שֶׁמְּסַיְּמִין בְּסוֹף הֲשִׁיבֵנוּ ה' אֵלֶיךָ וְכוּ', כִּי עִקַּר כַּוָּנָתֵנוּ בִּבְכִיָּתֵנוּ בְּהַקִּינוֹת כְּדֵי לְעוֹרֵר רַחֲמָיו יִתְבָּרַךְ שֶׁיְּשִׁיבֵנוּ אֵלָיו בֶּאֱמֶת** ... ועי' הל שבת ז' אות י"ד, והל' מילה ה' אות י"ח, ועוד. ועי' כוכבי אור - שו"ס אות כ"ו, מלשון מוהרנ"ת ז"ל: **אִיךְ קֶען מִיר מֶערִיר נִיט קִילֶען דָּאס הַארְץ, נָאר תִּשְׁעָה בְּאָב וּבֵין הַמְּצָרִים בַּיְיא דִּיא קִינוֹת, אִין אַנְאנְץ יָאהְר בַּיְיא תְּפִלַּת חֲצוֹת. חָאטְשׁ קְלָאגֶען אוֹיף דֶעם חֻרְבָּן (בֵּית הַמּוֹחִין בִּכְלָלִיּוּת וּבִפְרָטִיּוּת) וָואס מֶע אִיז נִיט אַזוֹי וִויא מֶען דַּארְף צוּא זַיְין.**

(רנ"ב: ווייזט אויס אז דאס אליין אז ער שפירט א ירידה איז ווייל ער א איש כשר), **קען זיין ווייל זיי זענען ביי זיך צובראכן פונעם חורבן!**

(רנ"ב: איר האט קיינמאל נישט געהערט וועגן דעם?) **'דעם לשון' האב איך אוודאי נישט געהערט, דער לשון דארף האבן א 'בירור' ווי אזוי עס איז געזאגט געווארן!**

**פארוואס זאגט נישט ר' נתן אליין אזוי אויף זיך?!** (רק אומר ש'אנשים כשרים' אומרים כן!), **דער 'אמר מוהרנ"ת' קלעפט זיך נישט! 'מענטשן האבן אזוי געזאגט' - דאס קען זיין! אבער 'אמר מוהרנ"ת' דאס איז נישט! רבי נתן'ס זאך איז נאר געווען 'התחזקות', נאר 'שמחה און התחזקות'!!!**[ג]

(רנ"ב: אבער איר האט געהערט בערך אזא סארט לשון?) **ניין, איך האב געהערט אז "בין המצרים איז געווען א יסוד פון אידישקייט" - דאס האב איך געהערט! "א יסוד פון אידישקייט", דער 'חצות פון בייטאג', און די 'צובראכנקייט' - איז א יסוד געווען פון אידישקייט!**

**רבי נתן האט געזאגט: "איך וועל זאגן א פירוש אויפ'ן שווערסטן 'מהר"ם שיף', און אויף א 'מענטשן' נישט! ווייל דער עיקר איז דאך 'לב נשבר ונדכה אלקים לא תבזה', און ווער ווייסט ווער ס'האט דעם אמת'ן לב נשבר?!".**

**ווי קען מען זאגן א פירוש אויף יענעם?! אויב ער האט דעם אמת'ן 'לב נשבר' - איז דאס דער עיקר חשיבות ביים אויבערשטן!**[ד]

---

[ג] עי' ליקוטי הלכות הל' ביצים ה' אות א': **אֲבָל גַּם כְּשֶׁמִּתְאַבְּלִין וּמְמָרְרִין עַל הַצַּעַר וְהַחֻרְבָּן, וְהָעִקָּר עַל שֶׁאָנוּ רְחוֹקִים כָּל כָּךְ בְּגָלוּתֵנוּ מֵאָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם, גַּם אָז אָסוּר לְשָׁאֵר בָּזֶה ח"ו, רַק לְנַחֵם אֶת עַצְמֵנוּ בְּכָל פַּעַם בְּגֹדֶל הַתִּקְוָה שֶׁאָנוּ מְקַוִּים לְאַחֲרִית טוֹב לָצֵאת מֵהַגָּלוּת מֵאֲפֵלָה לְאוֹר גָּדוֹל, כִּי חַסְדֵי ה' לֹא תָמְנוּ וְכוּ'...**

[ד] עי' ליקוטי הלכות הל' תפלין ה' אות מ"ג מענין 'תפלה לעני', ובהל' תפלת המנחה ז' אות מ': **וְעִקַּר חֲשִׁיבוּת הַתְּפִלָּה וְהַדִּבּוּרִים אֵצֶל ה' יִתְבָּרַךְ הֵם הַתְּפִלָּה וְהַדִּבּוּרִים שֶׁל הֶעָנִי וְהַדַּל, כְּמוֹ שֶׁהֶאֱרִיכוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל בָּזֶה הַרְבֵּה ... כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב כִּי לֹא בָזָה וְלֹא שִׁקַּץ עֱנוּת עָנִי וְלֹא הִסְתִּיר פָּנָיו מִמֶּנּוּ וּבְשַׁוְּעוֹ אֵלָיו שָׁמֵעַ, מִכְּלָל שֶׁרָאוּי לְבַזּוֹתוֹ וּלְשַׁקְּצוֹ וּלְהַסְתִּיר פָּנָיו מִמֶּנּוּ, אַךְ רַבִּים רַחֲמָיו מְאֹד מְאֹד וְאֵינוֹ מְבַזֵּהוּ וְאֵינוֹ מְשַׁקְּצוֹ וְכוּ', וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב אֶשְׁכּוֹן אֶת דַּכָּא, וּכְתִיב תָּשֵׁב אֱנוֹשׁ עַד דַּכָּא עַד דִּכְדּוּכָא שֶׁל נֶפֶשׁ...**

וואס אין אומאן האט זיך איבערגעטוהן א בין המצרים! ס'האט געקאכט, א 'קעסל' האט געקאכט אין די בין המצרים, די קולות מיט די געשרייען, מיט די תפילות! (השואל: חצות איז געווען ביינאכט? בייטאג?) יא יא, בייטאג![ה]

ס'איז געווען ממש א 'התחדשות' אין אידישקייט, א 'התקרבות' געווען - די בין המצרים! אין די 'מכתבים' (ממוהרנ"ת) איז דא אסאך מכתבים פון בין המצרים, אזעלכע לשונות שטייט נישט אין ערגעץ![ו]

❖ ❖ ❖

# 'רחל מבכה על בניה'

(לומד בליקוטי מוהר"ן תו' ס"ז תניינא "בראשית - לעיני כל ישראל") זאגט דא דער רבי אזוי, ס'איז דא "מאורי אור" און ס'איז דא "מאורי אש", ס'איז דא לעכטיקייטן וואס 'לייכטן', און ס'איז דא לעכטיקייטן וואס 'ברענען',[ז] וואס איז דער חילוק פון 'אור' ביז 'אש'? 'אור' לייכט, און 'אש' ברענט!

---

[ה] עי' שער הכוונות - דרושי חג השבועות דרוש א': ענין בין המצרים, והם כ"א ימים שבין י"ז לתמוז עד תשעה באב, מנהג טוב וכשר הוא מאד לכל בעל נפש, לשבת באבלות אחר חצי היום בכל אלו הימים, ולבכות בכיה ממש על חורבן הבית ... ודבר זה עושה תועלת גדולה בנפש האדם. וענין חצות הלילה אין צורך להזכירו, כי אפילו בכל שאר הלילות צריך להתאבל על החורבן, ומכ"ש בלילות בין המצרים שצריך להוסיף בבכיה, ועליו נאמר שמחו את ירושלם כו' כל המתאבלים עליה.

[ו] עי' מכתב פ"ה: מְרַחֵם צִיּוֹן יְרַחֵם עָלֵינוּ שֶׁנִּזְכֶּה לִפְעֹל עַל יְדֵי הַקִּינוֹת בַּקָּשַׁת הֲשִׁיבֵנוּ ה' אֵלֶיךָ וְכוּ', שֶׁזֶּה עִקַּר תַּכְלִית אֲמִירַת הַקִּינוֹת שֶׁכֻּלָּם כְּלוּלִים בִּמְגִלַּת אֵיכָה שֶׁאָמַר יִרְמְיָה הַנָּבִיא בְּרוּחַ הַקֹּדֶשׁ שֶׁמְּסַיֵּם בְּסוֹף הֲשִׁיבֵנוּ וְכוּ', וְהָעִקָּר שֶׁנְּקַיֵּם "שִׁפְכִי כַמַּיִם לִבֵּךְ נֹכַח פְּנֵי ה'" עַד שֶׁנִּתְעוֹרֵר רַחֲמָיו בְּכָל יוֹם, וְיָשׁוּב אֵלֵינוּ וִירַחֲמֵנוּ וִינַחֲמֵנוּ וִישַׂמְּחֵנוּ ... ובמכתב קצ"ה: וְגַם עַתָּה אָנוּ צְרִיכִין לְהַחֲיוֹת עַצְמֵנוּ בָּזֶה כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה לָנוּ כֹּחַ לֹאמַר הַקִּינוֹת בְּכָל לֵב, וּלְשַׁבֵּר לִבֵּנוּ כָּרָאוּי כָּל אֶחָד עַל חֶלְקוֹ שֶׁיֵּשׁ לוֹ בְּחֻרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וְצָרוֹת יִשְׂרָאֵל בִּכְלָל וּבִפְרָט, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְרַחֵם עָלֵינוּ שֶׁנִּזְכֶּה לִהְיוֹת בִּכְלַל הַמִּתְאַבְּלִים עַל יְרוּשָׁלַיִם לִרְאוֹת בְּשִׂמְחָתָהּ ... ובמכתב שנ"ז: גַּם עַתָּה הוּא בֵּין הַמְּצָרִים, וְאֵין הַדַּעַת צְלוּלָה כְּלָל, כִּי אָרַךְ עָלֵינוּ הַגָּלוּת בְּגוּף וָנֶפֶשׁ, הִשְׂבִּיעָנוּ בַּמְּרוֹרִים וְכוּ', עַד אֲשֶׁר כִּמְעַט כָּשַׁל כֹּחַ הַסַּבָּל. אַךְ זֹאת נֶחָמָתֵנוּ בְּעָנְיֵנוּ, שֶׁהִקְדִּים לָנוּ רְפוּאָה לְמַכּוֹתֵינוּ הָאֲנוּשׁוֹת מְאֹד, מַה שֶּׁאָנוּ יוֹדְעִין מִקְּדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל כָּזֶה וְכוּ', הוּא נֶחָמָתֵנוּ בִּכְלָל וּבִפְרָט. וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יַעֲזֹר לָנוּ לִבְכּוֹת וּלְהִתְאַבֵּל עַל חֻרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וְהָעִקָּר לְהִתְאַבֵּל עַל עֲווֹנוֹתֵינוּ הַמְעַכְּבִים בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, עַד נִזְכֶּה לַהֲפֹךְ הַיָּגוֹן וַאֲנָחָה לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה...

[ז] וז"ל שם: וְיֵשׁ 'מְאוֹרֵי אוֹר וּמְאוֹרֵי אֵשׁ', וְהֵם זֶה לְעֻמַּת זֶה, שֶׁכְּשֶׁיֵּשׁ כֹּחַ לִ'מְאוֹרֵי אוֹר', אֲזַי נִכְנָעִין 'מְאוֹרֵי אֵשׁ', וְכֵן לְהֵפֶךְ ח"ו, שֶׁכְּשֶׁנִּכְנָעִין וְנִסְתַּלְּקִין מְאוֹרֵי אוֹר ח"ו, אֲזַי מִתְגַּבְּרִין 'מְאוֹרֵי אֵשׁ'.

"**והם זה לעומת זה**", אז עס האבן א כח די 'מאורי אור' - ווערן נכנע די 'מאורי אש', "**וכן להיפך**" ווייטער - אז ס'איז נכנע און נסתלק די 'מאורי אור' איז זיך מתגבר די 'מאורי אש'!

און דאס איז די חורבן בית המקדש, "**ממרום שלח אש בעצמותי**", זיי האבן זיך מתגבר געווען די 'מאורי אש', ווייל ס'איז נסתלק געווארן די 'מאורי אור', איז "**רחל מבכה על בניה**", ווארום די 'בכיה' איז 'הסתלקות מאורי אור', "**ואזי מתגברים מאורי אש**".[ח]

"**וזה בחינת העלמה**", דאס הייסט 'העלמה'! - ווייטער זאגט דער רבי,[ט] רחל מבכה על 'בניה', ווער זענען די 'קינדער' פון רחל'ען? 'יוסף' און 'בנימין'!

דער זוהר זאגט,[י] "**יוסף - צדיק לעילא, בנימין - צדיק לתתא**", אזוי שטייט אין זוהר.

זאגט דער רבי ווייטער, 'רחל מבכה על בניה', דער עיקר הולדה פון דעם צדיק 'יוסף' - איז דאך געווען פון 'רחל', דערפאר טאקע איז זי 'מבכה על בניה', וואס אירע קינדער זענען 'נעלם'!

'רחל' קלאגט, די 'שכינה' קלאגט, 'על בניה' - וואס דער צדיק איז נעלם, 'יוסף' איז דאך דער 'צדיק' - פארוואס די קינדער זענען אזוי נעלם!

❖

---

[ח] וז"ל שם: וְזֶה בְּחִינַת חֻרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, בְּחִינַת (אֵיכָה א): "מִמָּרוֹם שָׁלַח אֵשׁ בְּעַצְמֹתַי", כִּי נִתְגַּבְּרוּ מְאוֹרֵי אֵשׁ עַל־יְדֵי שֶׁנִּסְתַּלְּקוּ מְאוֹרֵי אוֹר, בִּבְחִינַת: "רָחֵל מְבַכָּה עַל בָּנֶיהָ", כִּי הַבְּכִיָּה הוּא בְּחִינַת הִסְתַּלְּקוּת מְאוֹרֵי אוֹר כַּנַּ"ל, וַאֲזַי מִתְגַּבְּרִין ח"ו, מְאוֹרֵי אֵשׁ, בְּחִינַת: "מִמָּרוֹם שָׁלַח אֵשׁ" וְכוּ' כַּנַּ"ל.

[ט] עי' בסוף התו' שם, ד"ה 'שייך לעיל, רחל מבכה על בניה'.

[י] עי' זוה"ק פרשת ויצא דף קנ"ג ע"ב.

# 'וזה בחינת העלמה'

"וזה בחינת העלמה"[יא] - און דאס איז די 'העלמה' - "שנתעלם היופי והפאר של כל העולם", ס'איז דא א צדיק וואס ער איז דער 'יופי' און דער 'פאר' און דער 'חן' פון דער גאנצער וועלט!

פארוואס ליגט א מענטש אין 'הבל היופי'?[יב] ווייל ער פילט נישט אז ס'איז דא אזא 'יופי' פון דער וועלט! וואס דאס איז דער יופי פון דער גאנצער וועלט!

פארוואס ליגט מען אין 'חן של שקר'?[יג] ווייל איך פיל נישט דעם 'צדיק' וואס ער איז דער 'חן' פון דער גאנצער וועלט!

אז איך פיל נישט - האב איך אנדערע 'חן', האב איך אנדערע 'יופי'![יד]

'ער' איז דער 'יופי' און דער 'פאר' און דער 'חן' פון דער גאנצער וועלט, און ווער ס'ווערט נכלל אין דעם צדיק - ווערט בטל אלע יופי'ס, ווערט בטל אלע 'פאר', און די אלע חן (- של שקר), אזא צדיק איז דא! ער איז דער 'יופי' און דער 'פאר' און דער 'חן של כל העולם'!

"ויהי יוסף יפה תואר ויפה מראה", די תורה איז משבח יוסף'ן אז ער איז געווען א שיינער מענטש, און דאס איז די בחינה וואס עס שטייט "יפה נוף משוש כל הארץ", דאס וואס ס'שטייט 'יפה נוף משוש כל הארץ' אויף 'ארץ ישראל' - דאס איז די בחינה פון 'יפה תואר ויפה מראה'! זאגט דער רבי - די ביידע זאכן איז איין זאך!

---

[יא] שם בהמשך התו' בפנים: וְזֶה בְּחִינַת הַהַעֲלָמָה, שֶׁנִּתְעַלֵּם הַיֹּפִי וְהַפְּאֵר שֶׁל כָּל הָעוֹלָם. כִּי יֵשׁ צַדִּיק, שֶׁהוּא הַיֹּפִי וְהַפְּאֵר וְהַחֵן שֶׁל כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ, בִּבְחִינַת (בְּרֵאשִׁית ל"ט): "וַיְהִי יוֹסֵף יְפֵה־תֹאַר וִיפֵה־מַרְאֶה", בְּחִינַת (תְּהִלִּים מ"ח): "יְפֵה נוֹף מְשׂוֹשׂ כָּל הָאָרֶץ", כִּי זֶה הַצַּדִּיק הָאֲמִתִּי שֶׁהוּא בְּחִינַת יוֹסֵף, הוּא הַהִדּוּר וְהַיֹּפִי שֶׁל כָּל הָעוֹלָם.

[יב] עפ"י תו' ס' אות ג'.

[יג] עפ"י תו' ס' שם.

[יד] עי' תו' קל"ה, ענין 'נפלאתך אהבתך לי' וכו'.

'יוסף' איז געווען דער 'יופי' פון דער גאנצער וועלט, יפה נוף משוש 'כל הארץ', און דער 'צדיק אמיתי שהוא בחינת יוסף' - ער איז דער 'הידור' און דער 'יופי' פון דער גאנצער וועלט!

❖

## 'היופי והחן והפאר של העולם'

און אז דער 'יופי' און דער 'פאר' ווערט נתגלה אין דער וועלט - אז דער 'צדיק' וואס ער איז דער 'יופי' פון דער גאנצער וועלט - אז ער ווערט 'נתפרסם' און 'נתגדל בעולם', **"אזי נפתחין העינים של העולם"!**[טו]

(כאן חסר קצת מהטייפ)

**"שכל מי שנכלל בזה החן האמת של זה הצדיק, שהוא החן והיופי של העולם, דהיינו שמתקרב אליו ונכלל בו"** - ווערן אים געעפנט די אויגן, קען ער זעהן!

וואס קען ער זעהן? זאגט דער רבי: **"והעיקר להסתכל על עצמו"** - ער קען קוקן אויף זיך! ער קען קוקן אויף זיך, וואו האלט איך מיט די מידות?!

דער צדיק איז דער 'יסוד הפשוט', און פון אים נעמט זיך אלע 'ארבע יסודות', און אז מען ווערט נכלל אין דעם צדיק - קען איך קוקן אויף זיך וואו האלט איך, 'וואו האלט איך אין די אלע מידות'?![טז]

❖

[טו] שם בתו' ס"ז תניינא הנ"ל: וּכְשֶׁזֶּה הַיֹּפִי וְהַפְּאֵר נִתְגַּלֶּה בָּעוֹלָם, דְּהַיְנוּ כְּשֶׁזֶּה הַצַּדִּיק, שֶׁהוּא הַיֹּפִי שֶׁל כָּל הָעוֹלָם, נִתְפַּרְסֵם וְנִתְגַּדֵּל בָּעוֹלָם, אֲזַי נִפְתָּחִין הָעֵינַיִם שֶׁל הָעוֹלָם. שֶׁכָּל מִי שֶׁנִּכְלָל בְּזֶה הַחֵן הָאֱמֶת שֶׁל זֶה הַצַּדִּיק, שֶׁהוּא הַחֵן וְהַיֹּפִי שֶׁל הָעוֹלָם, דְּהַיְנוּ שֶׁמִּתְקָרֵב אֵלָיו וְנִכְלָל בּוֹ, נִפְתָּחִין עֵינָיו וְיָכוֹל לִרְאוֹת.

[טז] שם בתו' ס"ז תניינא הנ"ל: וְהָעִקָּר לְהִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ, וְכַמְבֹאָר לְעֵיל (בְּסִימָן סו), שֶׁעַל־יְדֵי שֶׁמִּתְקָרֵב לַצַּדִּיק אֲמִתִּי, שֶׁהוּא בְּחִינַת: "צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם", בְּחִינַת יְסוֹד הַפָּשׁוּט, שֶׁמִּמֶּנּוּ נִמְשָׁכִין כָּל הָאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת ... וּכְשֶׁמִּתְקָרֵב אֵלָיו, עַל־יְדֵי־זֶה רָאוּי לוֹ לְהִסְתַּכֵּל בְּעַצְמוֹ עַל כָּל הַמִּדּוֹת, אֵיךְ הוּא אוֹחֵז בָּהֶם, כִּי כָל הַמִּדּוֹת נִמְשָׁכִין מִן הָאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת, כַּיָּדוּעַ.

# 'והעיקר להסתכל על עצמו'

דער עיקר 'התקרבות' וואס מען איז מקורב צום צדיק, איז אז איך זאל קוקן אויף 'זיך'!

נאכדעם זאגט דער רבי ווייטער, ער זאל קוקן אויף דעם אויבערשטנס גרויסקייט, "גדולת השם"![י]

**נאכדעם זאגט דער רבי, ער זאל קוקן אין דער וועלט, "להסתכל בעולם"!**

דער רבי רעדט דא פון 'דריי' סארטן קוק'עכטסער, אז די אויגן ווערן געעפנט - איז דא 'דריי זאכן': איך קען קוקן אויף 'זיך', און דעם 'אויבערשטנס גרויסקייט', און אין דער 'וועלט'!

אבער פריער דארף מען זעהן די 'צוויי' קוק'עכטסער: קוקן אויף 'זיך', און קוקן אויפ'ן 'אויבערשטנס גרויסקייט', און נאכדעם - זאגט דער רבי - קען מען שוין קוקן אין די וועלט אריין אויך!

און היינט כאפט מען זיך באלד אין די 'וועלט'... ער ווערט מקורב צום צדיק, ער קוקט שוין אין די 'וועלט', ער איז שוין א מבין אויף די וועלט, ער איז שוין א מבין אויף יענעם!...

דאס איז דאך דער 'דריטער' הסתכלות, דער דריטער הסתכלות איז דאס! און דער ערשטער הסתכלות איז גאר קוקן אויף 'זיך', וואו האלט 'איך' אין די מידות?!

דער צדיק איז דער 'יסוד הפשוט', נעמט זיך דערפון די "ד' יסודות", אז איך בין מקורב צו דעם 'יסוד הפשוט' קען איך קוקן וואו האלט איך אין די "ד' יסודות" וואס פון דארט נעמט זיך די אלע מידות!

---

[י] שם בתו' ס"ז תניינא הנ"ל: וְעַל־כֵּן כְּשֶׁנִּתְגַּלֶּה זֶה הַצַּדִּיק, שֶׁהוּא הַחֵן וְהַיֹּפִי שֶׁל הָעוֹלָם, כָּל מִי שֶׁמִּתְקָרֵב וְנִכְלָל בְּזֶה הַחֵן הָאֱמֶת, נִפְתָּחִין עֵינָיו, וְרוֹאֶה וּמִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ, אֵיךְ הוּא אוֹחֵז בְּכָל הַמִּדּוֹת, שֶׁנִּמְשָׁכִין מֵאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת, שֶׁהֵם נִמְשָׁכִין מֵהַצַּדִּיק כַּנַּ"ל. וְגַם יָכוֹל לִרְאוֹת וּלְהִסְתַּכֵּל בִּגְדֻלַּת הַשֵּׁם וּלְהִסְתַּכֵּל בָּעוֹלָם, עַל־יְדֵי שֶׁנִּפְתְּחוּ עֵינָיו עַל־יְדֵי הִתְגַּלּוּת הַפְּאֵר שֶׁל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת כַּנַּ"ל.

דאס איז נישט קיין קליינקייט, מען האט אין זיך אזעלכע מידות, אזעלכע שלעכטע מידות, און נארישע מידות, און ס'איז אזוי פארבארגן! מען קוקט נישט אויף זיי, מען קוקט נישט וואו האלט איך אין זיי!

ממילא אז איך קוק נישט אויף 'מיין' קליינקייט, זעה איך נישט דעם אויבערשטנס גרויסקייט! עס איז גאר איין זאך!

ס'איז דא א ווארט פונעם 'בעל שם': "שענדן - 'זיך', און לויבן - 'דעם אויבערשטן'!".

וואס דער מענטש איז ביי זיך מער צובראכן, ער זעהט וואו ער האלט, זעהט ער ארויס מער דעם אויבערשטנס גרויסקייט!

איז 'דיביידע' דאס ערשטע, נאכדעם קען ער שוין קוקן אין די וועלט אריין אויך!

❖

# 'אשר לא ישא פנים ולא יקח שוחד'

א מענטש, אז ער איז אן 'עסקן בצרכי ציבור', ס'איז א גוטע זאך, אבער ער דארף האבן דעם חשבון פון זיך אליין אויך!

אפילו דו ביסט טאקע א 'עסקן בצרכי ציבור', אבער דו זאלסט נישט פארלירן! וויים וואו דו האלטסט! וויים וואו דו האלטסט! ווארום 'עסקנים' קענען אויך נכשל ווערן מיט עבירות, מיט פגמים, כאטש ער איז אן עסקן!

דער אויבערשטער נעמט נישט קיין 'שוחד'! עס שטייט אין די תורה "ולא יקח שוחד",[יח] וואספארא שבח איז 'לא יקח שוחד'? וואס הייסט ביים אויבערשטן 'שוחד'? ער דארף נעמען שוחד?! דער תירוץ איז: ער מעג זיין אן 'עסקן', מיט אסאך מצוות, אבער פאר די עבירה וואס ער האט - דעקט נישט די אלע מצוות!

ער נעמט נישט קיין 'שוחד'! די עבירה איז אן 'עבירה', און די מצוה איז א 'מצוה'! ער וועט האבן 'טויזענטער מצוות' און 'איין עבירה'! אויב ער וועט נישט תשובה

---

[יח] דברים י' י"ז.

טוהן אויף דער עבירה - וועט ער אפגעבן דין וחשבון אויף דער עבירה, מען וועט אים דן זיין אויף דער עבירה!

משה רבינו האט דאך געבעטן ביים אויבערשטן, אז "ווען דו וועסט אנשרייבן אז ער דארף נסתלק ווערן, זאל ארויסשטיין 'פארוואס'!".[יט]

עס שטייט טאקע "במי מריבה", כדי מען זאל נישט זאגן אז ער האט געהאט עפעס נאך עבירות, מען זאל נישט זאגן אז ער האט 'מוסיף' געווען עפעס אן אות אין די תורה, צו ער האט 'גורע' געווען אן אות אין די תורה!

זעהט מען, אפילו 'משה רבינו' - (לא נתבטל אצלו פגם מי מריבה נגד ריבוי הזכויות שלו).

❖

א מדרש איז דא,[כ] א געוואלדיגער מדרש, אז משה האט געהאלטן די זאך 'קליין' - דעם חטא, ער האט געזאגט: "אזעלכע גרויסע זאכן האב איך גע'פועל'ט ביים אויבערשטן, 'מרגלים', 'עגל', און אלעס", - ביי די מרגלים איז דאך געווען א 'כליה', דער דור איז אויך נישט געקומען קיין ארץ ישראל, אבער דער אנדער דור איז יא געקומען, ער האט דאך גע'פועל'ט ביים אויבערשטן, ס'איז דאך נישט געווארן קיין כליה, - "וועל איך דאס נישט פועל'ן??!"

ער האט געהאלטן אז דאס איז א 'קליינער חטא', זאגט דער אויבערשטער: ביי דיר איז דאס קליין? איך וועל דיר ווייזן אז ס'איז נישט קליין! אזוי שטייט אין מדרש.

עס ווייזט אויס פון דעם לשון פונעם מדרש, אז משה רבינו האט נישט מרבה געווען באלד בתפילה אויף דער זאך, ווייל ווען ער איז ווען מרבה באלד בתפילה, איז "אין דבר שעומד בפני התפילה"!

ער האט געהאלטן: "איך האב גרעסערע זאכן גע'פועל'ט, וועל איך דאס אויך פועל'ן ביים אויבערשטן!", ער האט נישט מרבה געווען באלד בתפילה, האט דער אויבערשטער געזאגט: "ניין, איך וועל דיר ווייזן אז ס'איז א גרויסע זאך!".

---

[יט] גמ' יומא פ"ו ע"ב, עי' רש"י במדבר כ"ז י"ג ד"ה 'כאשר נאסף אהרן אחיך'.

[כ] עי' רש"י דברים ג' כ"ט עה"פ "ונשב בגיא וגו' ועתה ישראל" וגו', ובילקוט שמעוני ובספרי שם.

(השואל: עס שטייט דאך "ואתחנן אל ה' בעת ההוא"?) עס ווייזט אויס אין מדרש אז דאס איז שוין געווען שפעטער! דער מדרש שטייט אין עטליכע ערטער, דער מדרש איז אין שיר השירים.

❖

# 'עון עקבי יסובני'

ווי קען א מענטש פאררעכטן 'מידות' - אז ער וועט נישט וויסן דעם גודל האיסור פון דער 'מידה'?! אז ער האט אין זיך א שלעכטע מידה, אויב ער וועט נישט וויסן דעם גודל האיסור דערפון, דער גודל חומרא פון דער זאך, ווי קען ער עס פאררעכטן - אז ער האלט עס 'קליין', ער האלט עס פאר א קליינע זאך?!

דער 'בעל החרדים'[כא] ברענגט דארטן, א מענטש מיינט דארטן ביי תשובה אז דאס איז פון די גרינגע זאכן: מען זאל נישט רעדן אין בית הכנסת, און זיין נזהר אין עניית אמן, און אזוי נאך כאפט ער אן אזעלכע זאכענישן, און דאס איז דער 'עיקר תשובה' גאר! און דאס איז 'דש בעקביו', דאס טרעט מען מיט די פיס!

א מענטש, אז ער זאל וויסן דעם גודל האיסור פון דער זאך, וואלט ער זיך אויף דעם - (היה מרבה להתפלל ולשוב על זה).

אין יעדע מידה איז אזוי! און אין דעם ישוב הדעת וואס מען דארף רעדן פאר'ן אויבערשטן דיבורים, דארף מען אלצדינג אויסרעדן פאר'ן אויבערשטן: "רבונו של עולם, איך האב אין זיך די מידה, דו ווייסט דאך איך האב אין זיך א שלעכטע מידה!".

מ'זאל זיך מעמיק זיין אין דער מידה, בשעת ער רעדט וועגן דעם, מאכן דער מידה זייער הארב, זייער הארב איז די מידה, ס'איז געוואלדיג.

---

[כא] ריש פרק ע"ד: אמר הנביא ירמיה נחפשה דרכינו ונחקורה, זה שנאמר במקום אחר והיה עקב תשמעון, ואמרו רז"ל שרוצה לומר אם תשמעו ותעשו המצות הקלות שאדם דש בעקביו. ואמר הכתוב עון עקבי יסובני, הם העבירות הקלות שדש בעקביו, והכי נמי דרכינו, היינו העונות שאנו דורכים ברגלינו ודשים בעקבינו, ונשובה עד ה', שאם לא ידע החולה מחלתו איך יבקש לה רפואה.

א מענטש האט אין זיך א מידה פון 'גאוה' וואס קיינער ווייסט נישט, דאס איז עבודה זרה! "תועבת ה' כל גבה לב", עס שטייט דארטן "אותו לא אוכל", איך קען עס נישט ליידן![כב]

אלע מיני לשונות דארף ער אויסרעדן פארן אויבערשטן, כדי ער זאל אנהויבן רירן זיך מיט דאס!

און טאמער מיינט ער, אז ער איז נישט קיין 'בעל גאוה', זאגט דער רבי,[כג] אז ס'איז דא אזא מין 'גאוה שקועה', ס'איז איינגעזונקען אין מענטשן, ס'איז פארדעקט, ער איז גארנישט קיין מבין אויף איר, און אין דער אמת'ן איז ער פול מיט גאוה! נו.

דער ענין פון 'ישוב הדעת' איז - יעדער זאך וואס איך ווייס אז דאס איז א פגם, א פגם אין די קדושה, א פגם אינעם מענטש, א פגם אינעם גוף, זאל ער עס מעמיק זיין, רעדן פאר'ן אויבערשטן! 'מיום ליום' רעדן דאס, און זיך מעמיק זיין!

וואס ער ווייסט אז די זאך איז ער מערער - (געשלאגן), זאל ער מערער רעדן פון דער זאך, און מער מגנה זיין דער זאך!

געוועגליך זאל ער מחזק זיין זיך, כדי ער זאל נישט אראפפאלן ביי זיך, אבער אז ער וויל זיך געבן א ריר אין דער זאך, מוז ער אסאך רעדן פאר'ן אויבערשטן אין דער זאך![כד]

❖

---

[כב] תהלים ק"א ה', ועי' ערכין דף ט"ו ע"ב.

[כג] עי' ספר המדות ערך גאוה אות י"ט: מַבְהִילִין אֶת הָאָדָם בַּחֲלוֹמוֹת, כְּדֵי לְהָסִיר מִמֶּנּוּ גַּאֲוָה שְׁקוּעָה, שֶׁהוּא מְכֻסָּה מִמֶּנּוּ, שֶׁאֵינוֹ מַכִּיר בָּהּ. ועי' גם ליקוטי עצות (על תו' י"א): יֵשׁ עֲנָוָה שֶׁהִיא תַּכְלִית הַגַּדְלוּת, דְּהַיְנוּ שֶׁהוּא עָנָו מֵחֲמַת שֶׁהוּא יוֹדֵעַ שֶׁהַגַּדְלוּת מְבֻזָּה מְאֹד, עַל־כֵּן הוּא עָנָו כְּדֵי לְהִתְיַקֵּר וּלְהִתְכַּבֵּד, נִמְצָא שֶׁהוּא עָנָו בִּשְׁבִיל גַּדְלוּת וְכָבוֹד, עַל־כֵּן צְרִיכִין לְהַשְׂכִּיל עַל דְּרָכָיו וּלְהִתְרַחֵק מִגַּדְלוּת בְּתַכְלִית עַד קָצֶה הָאַחֲרוֹן...

[כד] עי' חיי מוהר"ן אות תקצ"ג: ... אֲבָל אַף־עַל־פִּי־כֵן אַל יַעֲלֶה עַל דַּעְתּוֹ שֶׁכְּבָר הִגִּיעַ לְמַה שֶּׁצָּרִיךְ, וּכְבָר אֵין חָסֵר לוֹ כְּלוּם בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ, כְּאִלּוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לוֹ כְּבָר כָּל בַּקָּשָׁתוֹ, כִּי בֶּאֱמֶת עֲדַיִן נִשְׁאָר אֵצֶל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ רֹב יְשׁוּעוֹת, וְאֵין צְרִיכִין לְוַתֵּר לוֹ יִתְבָּרַךְ וְכוּ' ... וַעֲדַיִן צְרִיכִין לְהִסְתַּכֵּל לִישׁוּעָה וּלְהִתְחַטֵּא לְפָנָיו הַרְבֵּה כְּבֵן הַמִּתְחַטֵּא לִפְנֵי אָבִיו וּלְהַרְבּוֹת בְּגַעְגּוּעִים וְהַפְצָרוֹת וְכוּ', שֶׁיַּעֲזֹר לוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עוֹד וָעוֹד וְכוּ' ... רַק אַף־עַל־פִּי־כֵן יִהְיֶה בְּשִׂמְחָה תָּמִיד...

(ר' נחמן בורשטיין ז"ל: ר' יונה לעבל עליו השלום, אלעמאל פארנאכט פלעגט ער קומען אין שול אריין, האט ער געהאט זיינע דיבורים, "רבונו של עולם - היינט האט ער מיר שיעור געוואלט מאכן פאר א 'גוי'! דער 'בעל דבר' האט דאך שיעור היינט מיר געוואלט מאכן פאר א גוי!", אזוי פלעגט ער רעדן אזעלכע דיבורים, נאך דיבורים וואס ער פלעגט זאגן, שיינע דיבורים פלעגט ער רעדן).

"אזוי ווי פאר א אמת'ן גוטן פריינד!".[כה]

מען דארף האבן התחזקות, מען דארף אסאך רעדן וועגן דעם ענין פון התבודדות, ס'זאל נישט זיין ביים מענטשן אזוי ווי א 'מצות אנשים מלומדה', ער וויל אפ'פטר'ן די צייט, ער האט שוין גע'פטר'ט! שוין, ער האט שוין געענדיגט!

דאס איז דאך אינגאנצן דאס חיות פונעם מענטשן! אינגאנצן דאס אידישקייט הענגט אן נאר אין דער זאך! מוז ער האבן א גאנצן לימוד דערינען, בעטן דעם אויבערשטן, "גיב מיר נייע דיבורים!".

און אפילו אויף דער זאך אליין וואס איך רעד - "זאל איך אויך האבן נייע דיבורים", נייע נייע!

בפרט נאך אז מיר האבן אזא מין צדיק, וואס ער איז דער 'פאר' און דער 'חן' און דער 'יופי' פון דער גאנצער וועלט!

❖

# 'בראשית - לעיני כל ישראל'

דער רבי זאגט טאקע ווייטער, "בראשית" איז דער 'ראש בית', דאס איז דער צדיק וואס ער איז דער 'ראש בית', אז דער 'ראש בית' ווערט נתגלה - איז "לעיני כל ישראל", דעמאלט ווערן געעפנט די אויגן פון אלע אידן!

אז ס'זאל נתגלה ווערן דער אמת'ער צדיק, וואלטן אלע אידן געעפנט געווארן די אויגן!

---

[כה] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות ד', מאמר רביז"ל למוהרנ"ת בתחילת התקרבותו: "אִין וַוייְטֶער סֶע זֵייֶער גִּיט, אַז מֶע רֶעט זִיךְ אוֹיְס דָּאס הַארְץ פַּאר ה' יִתְבָּרֵךְ, הַיְנוּ אַזוֹי וְויא מֶע רֶעט זִיךְ אוֹיְס פַּאר אַיין אֶמֶתְ'ן גִּיטְן פְּרַיְינְט".

'מיר' זעהען גארנישט! וואס זעהט מען?! א איד, ער דאוונט, ער לערנט, א ערליכער איד שוין, וואס זעהט ער וואס אין אים טוט זיך?! וואס זעהט ער?! פארוואס, ווייל דער 'ראש בית' איז נעלם!

דאס קלאגט די שכינה הקדושה, 'העלמה', דאס איז א 'העלמה', וואס "מאנה להנחם על בניה"! ווער זענען 'בניה'? דאס זענען די 'צדיקים', 'יוסף הצדיק', דאס איז אירע קינדער, 'יוסף ובנימין'! אז זיי זענען נעלם, איז אלצדינג 'נעלם', זענען פארמאכט די אויגן פון אלע אידן!

קלאגט זי אויף דערויף - פארוואס דער צדיק איז נעלם! אינגאנצן איר נחמה איז נאר אז דער צדיק זאל ווערן אויפגעדעקט, ס'זאל ווערן נתגלה דער צדיק!

❖

# 'כי יש כמה מיני חן'

אז דער רבי איז אזוי נעלם, פארוואס זאל מען רעדן פון אנדערע? דער רבי איז ביי 'אונז' נעלם! ביי אונז!

מען זאל וויסן דאס חיות וואס מען קען זוכה זיין דורכ'ן רבי'ן! דער רבי איז דער 'פאר' פון די וועלט, און דער 'יופי' פון דער וועלט, און דער 'חן' פון דער וועלט!

דורכ'ן רבי'ן קען מען זוכה זיין ס'זאל בטל ווערן אלע 'הבל היופי', ס'זאל בטל ווערן אלע 'חן של שקר', מען זאל האבן א 'חן' אין די 'קדושה'!

דער רבי זאגט טאקע אין די ערשטע תורה: דער "חן אמיתי של ישראל נפל", דער אמת'ער חן פון אידן איז אראפגעפאלן, דער חן איז ביי זיי!

עפעס א 'חן אמיתי', עפעס א 'חן' פון אידן!

רבי נתן האט געזאגט אויף דער תורה ס', דער רבי רעדט דארטן אז ס'איז דא א חן פון זיצן, און רעדן, "כי יש מיני חן של שקר, שעושים בעמידה ובאכילה

**ובדיבורו עם אנשים**", אינעם שטיין, און אין עסן, אינעם רעדן מיט מענטשן, "**וכן בשאר דברים**", "**ולכל דבר יש חן אחר מיוחד**".[כו]

האט רבי נתן אזוי געזאגט אויף דער תורה: "**דער רבי האט געהאט אויף זיך דעם 'חן של אמת'** - **'איך' האב נישט דעם 'חן של אמת', נאר דאנקען גאט אויף וואס איך בין ריין פון 'חן של שקר'!**".[כז]

אזוי האט רבי נתן געזאגט, "איך בין ריין פון חן של שקר!".

האט ר' אברהם ר' נחמן'ס געזאגט: "**אז מען איז באמת ריין פון 'חן של שקר', שיינט אין אים אריין דער אמת'ער 'חן'!**

אזוי ווי די לבנה, אז זי איז א 'ריינע לבנה' - דארף מען אויך האבן א גרויסע זכיה - שיינט אין איר אריין די 'חמה'!

ווארום די לבנה איז אזוי ווי א פענסטער, אז זי האט עפעס א פארשטעלאכטס קען שוין נישט אין איר ארײנשײנען אזוי!

(ר' נחמן בורשטיין ז"ל מזכיר השיחה של מוהרנ"ת: "איבער די 'התנוצצות אלקות' וואס ס'איז דא אין מיר, איבער דעם איז מיין דאווענען אנדערש, און מיין לערנען אנדערש, און עסן אנדערש, און מיין רעדן מיט מענטשן איז אנדערש!)[כח] יא יא, דאס יא, דאס איז אן אמת'ער דיבור!

דער רבי רעדט דא (בתורה ס') טאקע אזוי, "ובדיבורו עם אנשים"! דער רבי רעדט אין דער תורה 'ובדיבורו עם אנשים' אויך, ס'איז דא אין דעם א חן.

---

[כו] עי' תו' ס' אות ג': כִּי יֵשׁ כַּמָּה מִינֵי חֵן שֶׁל שֶׁקֶר, שֶׁעוֹשִׂים בַּעֲמִידָה, וּבַאֲכִילָה, וּבְדִבּוּרוֹ עִם אֲנָשִׁים, וְכֵן בִּשְׁאָר דְּבָרִים, וּלְכָל דָּבָר יֵשׁ חֵן אַחֵר מְיֻחָד. וְכָל אֵלּוּ הַחִנּוֹת שֶׁל שֶׁקֶר, הֵם בָּאִים עַל־יְדֵי הֶבֶל הַיֹּפִי, בִּבְחִינַת: "שֶׁקֶר הַחֵן וְהֶבֶל הַיֹּפִי". דְּהַיְנוּ, מִי שֶׁאֵינוֹ נִשְׁמָר ... עַל־יְדֵי־זֶה יֵשׁ לוֹ תַּאֲווֹת שֶׁל אֵלּוּ הַחִנּוֹת שֶׁל שֶׁקֶר. וְיִרְאָה הוּא הֶפֶךְ מִזֶּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "שֶׁקֶר הַחֵן וְהֶבֶל הַיֹּפִי, אִשָּׁה יִרְאַת ה' הִיא תִתְהַלָּל".

[כז] עי' אבני"ה ברזל - שו"ס ממוהרנ"ת ז"ל אות מ"ה.

[כח] עי' אבני"ה ברזל שם.

(ר' נחמן מזכיר את השיחה: "**פארוואס איז געווען ר' שמעון 'רבי שמעון'? ווייל ער האט דאס געוואוסט!**" וכו' עיי"ש. דאס האט ער געזאגט אויף די משנה "עקביא בן מהללאל אומר הסתכל" וכו').[כט] **יא יא.**

❖

# "העלמה, העלמה, העלמה..."

(רנ"ב: ר' נחמן טולטשינער אז ער פלעגט זאגן 'וזה בחינת העלמה'...) **יא, פלעגט ער זאגן "העלמה! העלמה! העלמה!" ער האט אזוי געהאלטן 'עטליכע מינוט' - ר' נחמן טולטשינער, ער האט עס געהערט פון ר' נתן'ען!**

(השואל: ר' אברהם ר' נחמן'ס אליין פלעגט עס אויך איבערזאגן?) **ער האט איבערגעזאגט פונעם טאטן, אז דער טאטע האט געהערט פון ר' נתן'ען - אז עס איז געקומען צו 'העלמה', האט ער נישט געקענט זיך אראפרעדן, "אט דאס איז א העלמה! העלמה! העלמה!"**

**נאכדעם האט ער אנגעהויבן אראפצורעדן: "דער אויבערשטער איז דאס חיות פון אלע וועלטן, און דאס חיות פון יעדן איינעם, און ער איז אזוי 'נ-ע-ל-ם'!".**

**האט ער אנגעהויבן צו רעדן פונעם רבי'ן: "דער רבי איז דאס חיות, דער יסוד פון אלע וועלטן, און אלעם פון יעדן איינעם, און ער איז אזוי 'נ-ע-ל-ם'!".**

**טאקע אין דער תפילה פון די בין המצרים,[ל] זאגט ער דארטן: "תורתנו, תפילתנו, חיינו, קדושתנו, טהרתנו", ער האט געפילט דעם צדיק, אז ער איז אינגאנצן זיין תורה און זיין תפילה, און זיין קדושה, אלץ איז דער צדיק! אלץ איז ער! און 'ער' איז אזוי נעלם!**

---

[כט] אבני"ה ברזל שם.

[ל] ליקוטי תפלות ח"ב תפלה ל"ג: "**כִּי נִלְקְחוּ מֵאִתָּנוּ כָּל מַחֲמַדֵּי עֵינֵינוּ גְּאוֹנֵי עֻזֵּנוּ, עַטְרוֹת רֹאשֵׁנוּ, הוֹדֵנוּ זִוֵּנוּ פְּאֵרֵנוּ, חַיֵּינוּ וְאֹרֶךְ יָמֵינוּ, שָׁרְשֵׁי נַפְשֵׁנוּ וְרוּחֵנוּ וְנִשְׁמוֹתֵינוּ, הֲלֹא הֵמָּה אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵינוּ וְרַבּוֹתֵינוּ, אוֹרוֹתֵינוּ גְּדֻלָּתֵינוּ קְדֻשָּׁתֵנוּ תִּקְוָתֵנוּ תַּכְלִיתֵנוּ, נֶחָמוֹתֵינוּ וְשִׂמְחָתֵנוּ, תּוֹרוֹתֵינוּ תְּפִלּוֹתֵינוּ. סָעוּ הֵמָּה לִמְנוּחוֹת עָזְבוּ אוֹתָנוּ לַאֲנָחוֹת, אוֹי מֶה הָיָה לָנוּ**".

און אז ער זאל ווערן אויפגעדעקט, וואלטן די אויגן פון די גאנצע וועלט געווארן אויפגעדעקט, וואלטן אלע געזעהן וואו זיי האלטן!

❖

# וואס האבן מיר צו שמועסן פון אנדערע לייט...

ממילא אז מען זעהט 'וואו מען האלט' קען מען אויף יענעם נישט קריגן, האט מען אינזינען זיך!

מען זעהט דאך, אז איינער איז א חולה, א געפערליכער חולה אזוי ממש אז די דאקטוירים זענען אים מייאש, קען ער אינזינען האבן א צווייטן?! ער קען דעמאלט אינזינען האבן 'דער טויג נישט'?! ער קען אינזינען האבן 'דער טויג נישט' - אז ער ווייסט אז ער איז אזא חולה?!

אז מען האט באמת אינזינען 'זיך', און מען ווייסט 'וואו מען האלט', קען מען נישט רעדן אויף יענעם! "איך זעה דאך וואס מיט 'מיר' טוט זיך, ווי קען איך רעדן פון יענעם?!".

פארוואס האט מען יא אינזינען יענעם? ווייל מען זעהט נישט! פארוואס ווייסט מען נישט? ווייל דער צדיק איז נעלם! דער צדיק איז אין העלמה, אז ער איז נעלם - זענען די אויגן פון אלע אידן נעלם, האבן די אידן נישט קיין אויגן, זעהען זיי נישט, זעהט מען נישט וואו ער האלט ביי זיך, מען זעהט נישט דעם אויבערשטנ'ס גרויסקייט, מען זעהט נישט!

❖

איך געדענק איך בין געווען צוזאמען מיט'ן שווער (ר' אהרן קיבליטשער) עליו השלום, יארן געווען מיט אים צוזאמען, (השואל: פיר יאר?) אפילו פאר די חתונה אויך, 'פיר יאר' איז פון נאך די חתונה, אבער איך בין געווען מיט אים צוזאמען פריער אויך, ער פלעגט דאך אלעמאל קומען קיין אומאן, ער איז דאך געווען אזוי ווי א אומאנער!

[(השואל: פון קיבליטש קיין אומאן איז גאנץ ווייט?) ניין, פופציג קילאמעטער, דער וועג גייט אזוי: אומאן, טעפליק, קיבליטש, הייסין, לאדיזין, ברסלב, פון אומאן קיין ברסלב איז הונדערט קילאמעטער.

(ר' נחמן בורשטיין: נו אז מען איז אדורכגעגאנגען פון אומאן איז מען געגאנגען דורך טעפליק?) **נאר דורך טעפליק! דאס איז דער וועג, נאכדעם גייט קיבליטש.** (רנ"ב: מען האט אויך געמוזט גיין דעם וועג?) **אלץ דער וועג! נאכדעם גייט הייסין, נאכדעם גייט לאדיזין, נאכדעם גייט ברסלב, דאס איז דער וועג!**

**איך בין דען נאר 'איינמאל' געפארן אויף דער וועג?! און איך בין געגאנגען 'צופוס'!**

**טולטשין איז שוין ווייטער יענע זייט,** (רנ"ב: אין טירהאוויצע?) **טירהאוויצע איז שוין א אנדער וועג,** (רנ"ב: וואו איז דובאוונע?) **דובאוונע איז נישט ווייט פון אומאן, אויף א אנדער וועג]**

(המשך הסיפור מחותנו ראה להלן).

❖

הכלל, מען דארף זיך אומקערן צום ערשטן שמועס, וויסן אז מיר האבן דעם רבי'ן ביי זיך, דער אויבערשטער האט אונז געהאלפן, קענען מיר זוכה זיין צו האבן אויגן און מען זאל זעהן, און דער עיקר זאל מען זעהן 'זיך' - וואו מען האלט! די גרעסטע מתנה איז, אז דער מענטש ווייסט וואס מיט אים טוהט זיך!

ווי קען זיין א באנק זאל מאכן א 'באנקראט', און טויזענטער אידן זאלן וויינען אויף אים? ווייל ער האט נישט געוואוסט וואו ער האלט אין די וועלט! אינדרויסן האט מען געמיינט אז דאס איז דער שענסטער באנק פון דער וועלט – אינווייניג איז געווען פארדזשאווערט און פארפוילט און ווערעמדיג! אידן זאלן וויינען און קלאגן, אידן גייען פון דער וועלט פאר צער!

ס'איז ביי יעדן איינעם אויך אזוי, אז מען ווייסט נישט וואו מען האלט אין דער וועלט, קען מען זיין אזוי גענארט, מען זאל זיין אזוי פארפוילט, אזוי ווערעמדיג, און מען זאל מיינען מען איז עפעס!

❖

# 'כשיש דין למטה - אין דין למעלה'

רבי נתן איז געווען אזוי פול מיט ישוב הדעת, האט ער געזאגט: "כ'האב זיך אלצדינג אויסגעמאלט! נאר דעם ערשטן ברוך הבא אין קבר האב איך זיך נישט אויסגעמאלט!". ווי אזוי וועט מען מיר דארטן אויפנעמען - דאס האב איך זיך נישט אויסגעמאלט! ער איז געווען ביי זיך זייער צובראכן!

(ר' נחמן בורשטיין: ווען האט ער עס געזאגט?) וואס הייסט 'ווען האט ער געזאגט'? בחייו!!

ער האט געזאגט: "ער האט זיך אלצדינג אויסגעמאלט! ער האט זיך אויסגעמאלט אלצדינג!", ער איז געווען (גדול במעלה כל כך) - האט ער געהאט דעם ישוב הדעת!

אז מען ווייסט דערפון איז גוט! טאמער מיינט ער אז מען וועט אים דארטן אנטקעגן גיין, מען וועט אים אפגעבן א גרויסן 'ברוך הבא', און ס'לאזט זיך אויס נישט אזוי, אוי איז עס פינסטער און ביטער! אוי לאותה בושה, אוי לאותה כלימה! אוי לאותה בושה, אוי לאותה כלימה! דער צער פון די בושה, דאס קען מען נישט אויסדריקן!

א מענטש וואס האט אלע טאג התבודדות, ער איז זיך מיישב, און ער ווייסט - ער 'לופטערט איבער' דארטן זיינע נארישקייטן, ער רעדט אוים פאר'ן אויבערשטן, ער האט 'עפעס' געטוהן דערמיט! דער 'זוהר' רעדט ארום דערפון.[לא]

תשובה 'שלימה'?! עפעס א תשובה 'אינדערמיט'! ער איז אין דער ארבעט! קען מען אים נישט אזוי פיל אויסלאכן! ער האט עפעס פארט געטוהן, ער האט דאך פארט 'גערעדט' דערפון!

אז מען וועט אים פרעגן, פארוואס האסטו געהאט (איזה פגם)?!... ער האט פארט ארויסגערעדט פאר'ן אויבערשטן!

(כאן חסר קצת בהטייפ)

❖

---

[לא] עי' בהקדמת תיקוני הזוהר (דף ח' ע"ב) "בא להרגך השכם להרגו בצלותא - - דבכל יומא תבע חובין דבנוי לשחטא לון" וכו'. ועי' גם ליקוטי מוהר"ן תו' ט"ו אות ב', ענין 'כשיש דין למטה אין דין למעלה'.

(השואל: איר האט געוואלט דערציילן עפעס פונעם 'שווער' פריער, איר האט אפגעהאקט אינמיטן), דער שווער, יא - "ער האט קיינמאל נישט גערעדט פון יענעם!", "ער האט קיינמאל נישט גערעדט פון יענעם!", ער זאל אמאל רעדן פון יענעם? קיינמאל נישט!

און ס'געווען נאך אזעלכע אידן! דער איד וואס איז געווען א 'מתבודד', און א 'חצות איד', דער האט קיינמאל נישט אינזינען געהאט יענעם! "איך האב נישט קיין צייט אינזינען צו האבן יענעם!".

רעדן צוזאמען און אידישקייט - אוודאי יא! נאר אינזינען האבן יענעם - "דער טויג נישט" און "דער טויג נישט", נאר איך בין גוט?!...

❖

## צריך לעיין בתיקון העולם...

איך גערענק, אין אומאן האט מען גערעדט אמאל, אז ס'איז געווען אמאל עפעס א גרויסע גזירה אויף אידן, נאך פאר ניקאליי, ביי דעם ערשטן ניקאליי ימח שמו.

איז מען געקומען דארטן צו די 'מפורסמים', און מען האט זיי געזאגט, "זעהט עפעס טוהן!!!".

האבן זיי זיך אנגערופן עפעס אזוי: "אז אין דעם רעסטוראנט האבן געגעסן דארטן מענטשן יום כיפור אויפדערנאכט זאל איך פאסטן דערפאר?!".

זיי האבן געמיינט צו זאגן אז די גאנצע גזירה איז נאר צוליב זיי, ווייל זיי זענען געזעצן דארטן אין רעסטוראנט יום כיפור אויפדערנאכט, "און צוליב די בעלי עבירות, דערפאר וויל מען אז איך זאל פאסטן?!".

און דאס איז אנגעקומען צו רבי נתן'ען, (והגיב על זה) אז "זיי זענען אינגאנצן ריין? זיי האבן נישט קיין שום חלק דערינען? נאר יענעם'ס?!", "בשבילי נברא העולם" - זאגט דער רבי - "דארף איך עוסק זיין בתיקון העולם, ולהתפלל בעבורם!",[לב] זאל איך זאגן אז 'וועגן יענעם'? נישט צוליב מיר?!

---

[לב] עי' ריש תו' ה': כִּי צָרִיךְ כָּל אָדָם לוֹמַר: כָּל הָעוֹלָם לֹא נִבְרָא אֶלָּא בִּשְׁבִילִי, נִמְצָא כְּשֶׁהָעוֹלָם נִבְרָא בִּשְׁבִילִי, צָרִיךְ אֲנִי לִרְאוֹת וּלְעַיֵּן בְּכָל עֵת בְּתִקּוּן הָעוֹלָם, וּלְמַלְּאוֹת חֶסְרוֹן הָעוֹלָם, וּלְהִתְפַּלֵּל בַּעֲבוּרָם.

ס'איז אנגעקומען צו רבי נתן אז ער האט אזוי געזאגט, (אמר:) "אזוי רעדט מען?!", אינגאנצן האט ער אנגעהאנגען אין 'יענעם', וועגן די רשעים - יום כיפור ביינאכט - דערפאר! און מיר זענען אלע ריין?!

געוועגליך, מיר זענען נישט אזוי גראב, מיר פאסטן יום כיפור, מיר וועלן נישט זיצן יום כיפור אויפדערנאכט אין א רעסטוראנט דארטן, אבער די אנדערע עוולות וואס מיר האבן אין זיך ווייסט דער אויבערשטער אליין!!

(ר' נחמן בורשטיין: ווער האט דאס פארגעלייגט פאר ר' נתן'ען?) ס'איז אנגעקומען צו רבי נתן'ען די ווערטער, אז זיי האבן אזוי געענטפערט! (השואל: גרויסע?) יא גרויסע! "אז 'דער און דער' איז אזוי, דערפאר ווילן זיי מיר זאלן פאסטן?!", מען האט געוואלט מען זאל גוזר תענית זיין, מאכן א תענית!

❖

# 'אל תהי מפליג לכל דבר'

און דער רבי האט געזאגט טאקע, דאס ערשטע יאר וואס דער רבי איז אריין אין ברסלב, מען האט דעמאלט גערעדט אין פעטערבורג וועגן די גזירה פון די 'פונקטן', גזירות! גזירות! (גיוס נערי ישראל לצבא), האבן צדיקים געזאגט: "דער אויבערשטער וועט דאס נישט טוהן!",[לג] דער רבי האט געזאגט אז "ס'איז א 'נארישקייט' אז מען זאגט אזוי! **דער בית המקדש איז דאך אויך חרוב געווארן!**".

וואס הייסט "דער אויבערשטער וועט דאס נישט טוהן"?! מען זעהט אז דער בית המקדש איז חרוב געווארן!

האט דער רבי געזאגט, אז ווען זיי וואלטן געוועהן האלטן מיט מיר, וואלט מען דאס אינגאנצן אפגעשטופט!

דער רבי האט געזאגט: **איך האב דאס אפגעשטופט אויף 'עטליכע און צוואנציג' יאר!**[לד]

---

[לג] עי' חיי מוהר"ן אות ו' ואות רע"ז.

[לד] עי' חיי מוהר"ן אות א'.

אין תקפ"ז איז ארויס די גזירות, און דאס איז געווען תקס"ג, איז געווען קארגע 'פינעף און צוואנציג' יאר.

נאך האט דער רבי געזאגט: **"ווען זיי זאלן צובייגן די אויערן און הערן וואס מען רעדט אין פעטעבורג אויף אידן, וואלטן זיי נישט אינזינען געהאט דאס מגידות!".**

יעדער האט געוואלט זיין א 'מגיד' - אין 'די שטעט' און אין 'די שטעט', "וואלטן זיי נישט אינזינען געהאט דאס מגידות"!

❖

אזא מין געדאנק האט זיך פארדרייעט! אדער - "דער אויבערשטער וועט עס נישט טוהן"! אדער זיי האבן געהאלטן אז "זיי האבן נישט קיין שייכות אין די צרות"!

פון רבי'ן קומט אויס אז נישט אזוי! אין דער תורה פון דעם ערשטן ראש השנה אין ברסלב, תורה ה', זאגט דער רבי: **"כי צריך כל אדם לומר 'בשבילי נברא העולם', נמצא כשהעולם נברא בשבילי צריך אני לראות ולעיין בכל עת בתיקון העולם, ולמלאות חסרון העולם, ולהתפלל בעבורם!".**

דאס איז אלץ דער היפך וואס אנדערע האבן געטוהן!

זאגט דער רבי בפירוש: "ולמלאות חסרון העולם ולהתפלל בעבורם" - זאגט דער רבי - איך בין מחויב ממלא זיין חסרון העולם, און בעטן פאר זיי!

זייער גאנג איז "איך בין גארנישט שולדיג!", "פארוואס דארף איך בעטן פאר זיי?!", קומט דאך אויס אזוי (לויט'ן רבי'ן), אפילו איך בין נישט שולדיג - ממלא זיין דער חסרון פון די וועלט!! אז אין די וועלט פעלט עפעס, דארף איך בעטן פאר זיי!

וואו נאך זעהט מען אז די זאך איז נישט אמת? אז די אידן האבן געמאכט דעם עגל, האט משה רבינו געדארפט זאגן, "וואס בין איך שולדיג? אז זיי מאכן אן עגל דארף איך עפעס בעטן פאר זיי?!".

פארוואס האט ער געדארפט בעטן פאר זיי? אזוי אויך ביי די 'מרגלים', ביי די 'מתאוננים', "דארף 'איך' בעטן פאר זיי?! זאלן 'זיי'!", א צדיק ענטפערט אזעלכע ווערטער?!

❖

# ׳ותורת חסד על לשונה׳

די רבי זאגט דאך בפירוש אין דער תורה ׳חותם בתוך חותם׳ (תו׳ כ״ב)[לה] - דאס איז א ראש השנה׳דיגע תורה - פארוואס הייסן די צדיקים ׳רגלין׳?

איבער צוויי זאכן הייסן זיי ׳רגלין׳, איינע: ׳על שם העצה׳, ׳ההולכים ברגליך - ההולכים אחר עצתך׳!

און (די צווייטע: ווייל) זיי זענען ׳שליחים׳, דער אויבערשטער שיקט זיי פאר א שליח, אז ס׳איז דא עפעס א גזירה, דער אויבערשטער איז זיי מודיע די גזירה, און זיי שיקט ער אלס שליחים אז זיי זאלן גיין דעם עולם מוסר׳ן!

און אפילן בשעת זיי מוסר׳ן, ׳פארבאהאלטן׳ זיי, זיי זאגן נישט ארויס אז ס׳איז דא אזא מין ׳דין׳! (עיין שם).

דאס איז אלס היפך פון די ווערטער (של אותם שטוענים שאין הם צריכים לסבול בשביל חטאי העולם), זיי זענען די ׳יועצים׳ פונעם אויבערשטן, די ׳שליחים׳ וואס די אויבערשטער שיקט זיי!

❖

פשט איז אזוי, אפילו איך זעה למשל געוואלדיגע חורבנות אין דער וועלט, אבער נישט זאגן אז ״איך בין אינגאנצן ריין״, ״איך האב נישט קיין חלק אין דעם חורבן״!

כאטש די זאכן וואס ׳זיי׳ טוהען - טוה איך נישט, אבער מאך ביי דיר א בדיקה, וועסטו זעהן אז די ביסט אויך נישט ריין! דו האסט אין זיך אנדערע עוולות, און ׳למעלה׳ זענען דיינע עוולות אויך עוולות!

---

[לה] וז״ל שם: דַּע שֶׁיֵּשׁ חוֹתָם, וְיֵשׁ חוֹתָם בְּתוֹךְ חוֹתָם. חוֹתָם הוּא - כִּי יֵשׁ מוֹכִיחֵי הַדּוֹר, וְהֵם בִּבְחִינוֹת רַגְלִין; וְנִקְרָאִים רַגְלִין, עַל שֵׁם שֶׁהֵם לִמּוּדֵי ה׳, הַיְנוּ שֶׁלּוֹמְדִין כִּבְיָכוֹל אֶת ה׳, שֶׁנּוֹתְנִין לוֹ עֵצוֹת. וְהֵם הוֹלְכִים בִּשְׁלִיחוּתוֹ לְיִשְׂרָאֵל, לְהוֹכִיחָם וּלְהַחֲזִירָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. וְעַל שֵׁם זֶה נִקְרָאִים בִּבְחִינוֹת רַגְלִין, עַל שֵׁם הָעֵצָה, כְּמוֹ שֶׁפֵּרֵשׁ רַשִׁ״י עַל ״וְכָל הָעָם אֲשֶׁר בְּרַגְלֶיךָ״ - ׳הַהוֹלְכִים אַחַר עֲצָתְךָ׳, וְעַל שֵׁם הַהֲלִיכָה, שֶׁהוֹלְכִים בִּשְׁלִיחוּתוֹ לְהוֹכִיחַ כַּנַּ״ל ... וְהֵם, כְּשֶׁנִּגְלֶה לָהֶם הַדִּין־תּוֹרָה, הוֹלְכִים וּמוֹכִיחִים הַדּוֹר, כְּדֵי לְהַחֲזִירָם לְמוּטָב לְהַמְתִּיק הַדִּין. וַאֲפִלּוּ בִּשְׁעַת מוּסָר נִזְהָרִין לְהַחְתִּים וּלְהַסְתִּיר, שֶׁלֹּא יִינְקוּ מִמֶּנּוּ הַחִיצוֹנִים...

דאס וואס יענע זענען 'גרעסערע עוולות', איז נאכנישט פאר דיר קיין 'רפואה'! האט יענער גרעסערע עוולות! דאס איז דיין רפואה??!

אז יענער איז א 'בעל עבירה' רחמנא ליצלן, וועל איך זיך קוויקן וואס איך בין נישט?! איך דארף זיך מחיה זיין אז איך האב נישט אזעלכע גראבע עבירות, אבער דיין פעקל וואס דו האסט - האסטו דאך!

דער גרעסערער צדיק לאכט זיך אויס פון דיר אויך! און נאך גרעסער, גרעסער, גרעסער - יענער לאכט זיך אויס!

אם כן אז איך האב נישט יענעמ'ס עבירות, שוין בין איך א שיינער איד? איך בין נישט מחלל שבת, איך עס נישט יום כיפור, בין איך א שיינער איד?! דו מעגסט זיך טאקע מחיה זיין מיט וואס דו עסט נישט יום כיפור, נאר 'התחזקות', דו זאלסט זיך קענען האלטן אין אידישקייט, אבער זאגן אז 'דאס איז דאס'?!

יעדער איינער - אזוי ווי ער איז אנגעקומען אויף דער וועלט, דארף ער זעהן וואס אויף אים איז מוטל! דאס ערשטע איז אויף אים מוטל ער זאל זיך גוט אריינקוקן 'וואס ער איז'! וואס מיט אים אליין טוט זיך!

און אויף אים ליגט - א טובה טוהן א צווייטן אויך! רעדן מיט יענעם פונעם תכלית, און רעדן אין לערנען, דאס איז דער שבח פון די 'אשת חיל', "ותורת חסד על לשונה - ללמוד על מנת ללמדה",[לו] דאס איז דער שבח פון אשת חיל!

אבער אפילו בשעת ער רעדט מיט יענעם - אז איך רעד שוין מיט יענעם בין איך דאך שוין עפעס א משפיע, וואס האב איך דא צו קוקן אויף זיך?! - ער דארף האבן א געוואלדיגע בדיקה ביי זיך! ווארום ער קען זיין געוואלדיג אפגענארט!

❖

מיר רעדן למשל, אזעלכע 'אנשים כערכנו', מען טרינקט אמאל לחיים, מען ווינטשט יענעם א זאך און ס'ווערט מקויים! איז ער אין א 'סכנה' ער זאל נישט ווערן קיין 'מפורסם'! ער האט דאך געגעבן א ברכה יענעם און ס'איז מקויים געווארן, ליגט

[לו] עי' מס' סוכה דף מ"ט ע"ב, עי' ליקוטי מוהר"ן ריש תו' י"ד.

מען אין א געוואלדיגע סכנה מען זאל זיך לאזן איינרעדן זיך אז 'איך קען געבן א ברכה', 'מיינע ברכות זענען ברכות'!

אזוי ווי א 'שטעקן' - זאגט דער רבי[לז] - אונטן שטייט איינער מיט א 'ביקס', און דא האלט ער א 'שטעקן', מיינט ער "א שטעקן האט אויסגעשאסן"!!!... אזוי איז דאס!

**דער בעל דבר האט אסאך וועגן יענעם צו כאפן!**

(כאן חסר מהטייפ)

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

| | | | |
|---|---|---|---|
| מוה"ר **יעקב בריינעס** הי"ו<br>מאנסי יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב** | מוה"ר **אפרים רובין** הי"ו<br>וויליאמסבורג יצ"ו<br>**לרגל שמחת אירוסי בתו למזל טוב** | מוה"ר **אפרים פישל מינצבערג** הי"ו<br>וויליאמסבורג יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב** | לעילוי נשמת מרת<br>**רוחמה שרה** ע"ה<br>ב"ר **יצחק** הי"ו<br>י"ב שבט תשע"ט<br>תנצב"ה |

| | |
|---|---|
| מוה"ר **נחמן אשר האס** הי"ו<br>ולאביו מוה"ר **חיים מאיר** הי"ו<br>מאנסי יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בנו \ נכדו למזל טוב** | מוה"ר **יהודה ארי' גאלדרינג** הי"ו<br>מאנסי יצ"ו<br>**לרגל שמחת אירוסי נכדתו למזל טוב** |

[לז] ע' חיי מוהר"ן אות תנ"ה: אָמַר מָשָׁל, כְּמוֹ שֶׁאָדָם אֶחָד הוֹלֵךְ בַּדֶּרֶךְ וּפָגַע בִּזְאֵב וְהָיָה מִתְיָרֵא מִמֶּנּוּ, וְהוֹשִׁיט מַקְלוֹ וְעָשָׂה עִם מַקְלוֹ כְּדֶרֶךְ שֶׁעוֹשִׂין עִם קְנֵה שְׂרֵפָה שֶׁקּוֹרִין בִּיקְס, כְּאִלּוּ הוּא רוֹצֶה לִירוֹת אֶת הַזְּאֵב עִם מַקְלוֹ כְּדֵי שֶׁיִּתְיָרֵא הַזְּאֵב מִמֶּנּוּ. בְּתוֹךְ כָּךְ הָיָה מוֹרֶה אֶחָד עִם קְנֵי שְׂרֵפָה בֶּאֱמֶת וְהָרַג אֶת הַזְּאֵב וְנִדְמֶה לָזֶה שֶׁהוֹשִׁיט מַקְלוֹ שֶׁהוּא הֲרָגוֹ, וְהוּא אֵינוֹ יוֹדֵעַ שֶׁנֶּהֱרַג הַזְּאֵב עַל־יְדֵי־זֶה שֶׁהוֹשִׁיט קְנֵה שְׂרֵפָה בֶּאֱמֶת, כִּי בְּוַדַּאי אֵינָם יְכוֹלִים לַהֲרֹג אֶת הַזְּאֵב בְּמַקֵּל. כָּךְ הוּא מַמָּשׁ עִנְיָן הַנַּ"ל, כִּי יֵשׁ צַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים בָּעוֹלָם בְּכָל דּוֹר וָדוֹר שֶׁהֵם פּוֹעֲלִים הַכֹּל בִּתְפִלָּתָם וְכָל הַפְּקֻדּוֹת לְטוֹב וְכָל הַדְּבָרִים שֶׁבָּעוֹלָם הַכֹּל עַל יָדָם, וְאֵלּוּ הַמְפֻרְסָמִים שֶׁל שֶׁקֶר נִדְמֶה לָהֶם שֶׁהֵם פָּעֲלוּ זֹאת, וְהוּא מַמָּשׁ כְּמוֹ זֶה שֶׁאוֹמֵר שֶׁהָרַג אֶת הַזְּאֵב עִם מַקְלוֹ כַּנַּ"ל, כִּי בֶּאֱמֶת הַכֹּל רַק עַל־יְדֵי צַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים כִּי הֵם פּוֹעֲלִים הַכֹּל.